# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ראה, כ"ה אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ה', שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 46 (616)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:41
מוצאי שב"ק...................9:10

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................מלכים-ב' כ"ג-כ"ד
בבלי.........................גיטין פ"ח
ירושלמי...............תרומות נ"ז
תוספתא.......................פרה ה'
רמב"ם.......................שבת ד'

# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** זֶע אַז אִיךְ גֶעבּ פַאר אַייךְ "הַיינְט" אַ בְּרָכָה אוּן אַ קְלָלָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן ל"ו), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיסְצוּמָאלְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, צִי עֶס זָאל זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אָדֶער חָלִילָה פַארְקֶערְט.

אַזוֹי וִוי מְ'גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ בֶּערְשְׁטְלֶעךְ מִיט פַארְבּ, אוּן מְ'זָאגְט אִים עֶר זָאל מָאלְן דֶערְמִיט אַ בִּילְד, אוּן עֶס לִיגְט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי צוּ מָאלְן. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, וֶועט עֶר נֶעמֶען דִי גֶעצֵייג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מָאלְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּטִיגֶע בִּילְד, פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נֶעמְט עֶר דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר מָאלְט אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁוַוארְצֶע בִּילְד, וָואס כַאפְּט אַ פַּחַד בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף.

דִי זֶעלְבֶּע גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּמָאלְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט נֶעמֶען דֶעם טָאג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, עֶר וֶועט אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע זַאכְן אִינֶעם טָאג, אַבִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין בִּילְד וֶועט אוֹיסְקוּמֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע טַעֲמִים, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, וֶועט לִיגְן אִין זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין שוּם זַאךְ, אוּן הָאבְּן דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן מְ'דַארְף וִויסְן אַז דֶער עִיקָר סוֹד מַצְלִיחַ צוּ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אִיז דוּרְכְ'ן קוּקְן נָאר אוֹיף הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן. אִין אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָבֶּער אָן וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף נֶעכְטְן, מְ'וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶער טָאג, מְ'הָאט סְתָּם פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין יָא אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף מָארְגְן, דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן, "אֲפִילוּ אוֹיבּ הַיינְט הָאבּ אִיךְ יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מָארְגְן? וֶוער קֶען מִיר פַארְזִיכֶערְן אַז מָארְגְן וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער טָאג?", דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') **"הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"**, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם טָאג אוּן דִי צַייט אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט, נָאר טְרַאכְטְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן אִין יֶענֶע מִינוּט, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ הָאט מֶען שֵׂכֶל אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"א"ש לְפַרְשַׁת רְאֵה)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶעְ'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

<<<<<<

**א גוט ווארט** לְדַעְתִּי זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט גֶט'ן, אוּן אַז אִיר שְׁפִּירְט נִישְׁט קֵיין 'קְלִיק' מִיט אֵייעֶר מַאן - אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין סִיבָּה זִיךְ צוּ גֶט'ן; אִיר הָאט אַ מַאן וָואס טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ נִישְׁט, עֶר אִיז גוּט צוּ אַייךְ, זָאלְט אִיר אִים נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן.

וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס פַאר אַ גְלִיקְן אִיר וֶועט טְרֶעפְן...? וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייךְ...? אִיךְ קֶען אֵייעֶר מַאן, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אַן אֵיידֶעלֶער, אַ וואוֹילֶער; טוּט נִישְׁט דִי נַארִישְׁקֵייט זִיךְ צוּ גֶט'ן צוּלִיבּ דִמְיוֹנוֹת וָואס חַבְרְ'טֶעס זָאגְן, וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט אוּן וִוי אַזוֹי עֶס קְלִיקְט.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס, אִיךְ ווִיל נָאר דָאס גוּטְס בַּיי עֶנְק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ג)



דער מולד וועט זיין: מיטוואך נאכמיטאג 4 מינוט און 17 חלקים נאך 5 | ראש חודש אלול יהיה ביום החמישי ולמחרתו ביום השישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# כַּאפּ אַרוֹיס אַ קְלֵיינִיקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט - אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב, אָפְּגֶערֶעדְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען בַּאקוּמְט שְׂכַר אִין הִימְל.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אַ וִוירְכְטִיגֶע צְוֶועק. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט: "רַבּוֹתַי, אִיךְ בִּין עוֹסֵק אִין אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין"; רוּפְט זִיךְ אָן אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק: "וִויפִיל גֶעלְט דַארְף דֶער רָב?" אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע סְכוּם וָואס דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעבֶּעטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר זָאגְט דֶעם אִיד: "בִּזְכוּת דִי מִצְוָה קֶענְסְטוּ בֶּעטְן וָואס דוּ ווִילְסְט, קֶענְסְט בֶּעטְן עֲשִׁירוּת, אֲרִיכוּת יָמִים, וְכַדוֹמֶה"; זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ ווִיל דֶער רָב זָאל מִיר צוּזָאגְן עוֹלָם הַבָּא", אוּן דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט אִים דָאס צוּגֶעזָאגְט. אִים אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן עֶר ווִיל דִי הַבְטָחָה בִּכְתָב אוּן אַזוֹי הָאט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעטוּן, עֶר הָאט אִים גֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתָב אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אִיד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, עֶר זָאגְט: "עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער; אִיךְ זִיץ אִין גַּן עֵדֶן, אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גוּט אִין גַּן עֵדֶן", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה: "לֶערְן מִשְׁנַיוֹת", זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל קֵיין מִשְׁנַיוֹת נִישְׁט גֶעלֶערְנְט", אִין גַּן עֵדֶן קֶען מֶען נָאר לֶערְנֶען אוֹיבּ מֶען הָאט פַארְדֶעם גֶעלֶערְנְט. זָאגְט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה דֶעם אִיד: "דֶעמָאלְט לֶערְן חוּמָשׁ", זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין לֶעבְּן, נִישְׁט קֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ אוּן נִישְׁט קֵיין מִשְׁנָה, גָארְנִישְׁט גָארְנִישְׁט", זָאגְט אִים דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה: "אֶפְשָׁר אַ מַעֲשֶׂה פוּן צְאֶינָה וּרְאֶינָה פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ הָאסְטוּ אַמָאל גֶעלֶערְנְט?" זָאגְט דֶער אִיד: "דָאס יָא", זָאגְט אִים דֶער צַדִּיק: "דֶעמָאלְט זִיץ אִין גַּן עֵדֶן אוּן לֶערְן דִי מַעֲשִׂיוֹת".

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער אִיד אִיז צוּ מִיר מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען", אִיז אַ סִימָן אַז אֲפִילוּ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צְאֶינָה וּרְאֶינָה אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב.

זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, כַּאפּ אַרוֹיס אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא; זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. גֵיי שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, דֶער טָאג גֵייט מִיר אַרִיבֶּער מִיט שְׁמוּעֶסְן, אוּן מִיט דִיר אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן, אִיךְ קֶען קוֹים אַרוֹיסְזָאגְן אַ וָוארְט פַאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ג)

### מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט <<<<<<

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶּער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוּת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִיד'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְוִוישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'עֶר גַּנָּב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַּנָּב הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדַאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַּנָּב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'עֶ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן ווִיל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רָב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִּיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִי' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִּיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. אוּן יֶעצְט גֵייט אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִּיקִים פוּן גַּן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סַיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַּן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶּער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קע)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי שִׁיקְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַ שְׁלִיחוּת אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר ר' יְהוֹשֻׁעַ פוּן זוּרִין אַ צֶעטְל מִיט שֵׁמוֹת וָואס עֶר זָאל זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען נָאךְ זַיין פְּטִירָה, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן. רֶבִּי נָתָן פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְצוּ'חַזְרְ'ן דִי שֵׁמוֹת**

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ ר' יְהוֹשֻׁעַ הָאט עֶר אִים אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, ר' יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ טַאקֶע אֵיינְגֶע'חַזְרְ'ט דִי אַלֶע שֵׁמוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן גְלַייךְ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען.

רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אַיינְצוּ'חַזְרְ'ן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר ר' יְהוֹשֻׁעַ, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט נָאר אִיבֶּערְגֶעטְרֶעטְן דִי שְׁוֶועל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע שֵׁמוֹת. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר שְׁטֶענְדִיג!", דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה מִיט דֶעם שְׁלִיחוּת".

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דִי טִיפֶע כַּוָונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### תקצ

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן צְוֵויי פוּן זַיינֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע תַּלְמִידִים, ר' יוּדְל אוּן ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אַז עֶר הָאט פַאר זֵיי אַ בַּאהַאלְטֶענֶע שְׁלִיחוּת, אוּן זֵיי זָאלְן זִיכֶער מַאכְן לְמַעַן הַשֵׁם אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן אִין דֶעם שְׁלִיחוּת אִיז אָנְגֶעוָואנְדֶען נֶענְטֶער צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם צְוֵויטְן סֵפֶר, דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אוֹיךְ הָאט זֵיי דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן קוּנְטְרֵסִים פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן סֵפֶר, וָואס מֶען הָאט יָא גֶעדְרוּקְט, דֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן עֶר הָאט זֵיי בַּאפוֹילְן אַרוּמְצוּפָארְן אִין אַסַאךְ שְׁטֶעט, אוּן זָאגְן אִין יֶעדְן שְׁטָאט אַבִּיסְל פוּן דֶעם צְוֵויטְן סֵפֶר, פוּן דֶעם "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", אוּן אוֹיךְ זָאלְן זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אֵיין בְּלֶעטְל פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן סֵפֶר, סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע אוּן אִים בֶּעטְן צְדָקָה פַאר הַכְנָסַת כַּלָה, אוּן אַזוֹי זָאלְן זֵיי גֵיין צוּ נָאךְ בַּאקַאנְטֶע צַדִיקִים אִין אַסַאךְ שְׁטֶעט אוּן זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה פַאר הַכְנָסַת כַּלָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט פַאר ר' יוּדְל עֶר זָאל אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן פַאר זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג.

### תקצא

שְׁפֶּעטֶער אִיז רֶבִּי נָתָן נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר [דֶער סֵפֶר הַנִּשְׂרָף]", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "דַיין סֵפֶר הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְצוּטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי צְוֵויי שְׁלוּחִים וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, וָואס אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט דִי "הִיסְט" קְרֶענְק. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר פַאר דִי צְוֵויי שְׁלוּחִים אִין הַאנְט, הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף מִיר, עֶר וֶועט זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דָאס קִינְד, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן ר' יוּדְל עֶר זָאל אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַארְ'ן קִינְד".

### תקצב

לְמַעֲשֶׂה אִיז צֶעשְׁטֶערְט גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁלִיחוּת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער הָאט מֶען זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַלְס גַנָבִים אוּן בַּעֲלֵי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי הָאט גֶעהַאט גֶעפֶערְלִיכֶע בִּזְיוֹנוֹת, דָאס גֶעלְט הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ קְלוֹיבְּן צְדָקָה בַּיי דִי הַייזֶער אָבֶּער מֶען הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן קֶענֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן צוּם סוֹף הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן דִי שְׁלִיחוּת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט צוּרִיק גֵיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וָואלְט מִיר גֶעשִׁיקְט, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען בִּיז נָאכְ'ן אוֹיסְפִירְן דֶעם גַאנְצְן שְׁלִיחוּת בִּשְׁלֵימוּת!"

### תקצג

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר. מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן כ"ט).

אִין יֶענֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אָנְגֶעטוּן וַוייסֶע בְּגָדִים, אוּן דֶער עִנְיָן

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ קוּקְט אַסַאךְ וִוידִיאָס?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

לֶעצְטְנְס הָאט מַיין וַוייבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן אַסַאךְ וִוידִיאָס, נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, סְתַּם זַאכְן, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. מֶעג אִיךְ אִיר עֶפֶּעס זָאגְן וֶועגְן דֶעם? אִיךְ הָאבּ אִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט, אוּן עֶס הָאט אִיר נָאר אוֹיפְגֶערֶעגְט.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ דַארְף מֶען אַסַאךְ סַבְלָנוּת; מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען דִי וַוייבּ: "טוּ אַזוֹי", "מַאךְ אַזוֹי" וְכוּ' וְכוּ'; אַז מֶען וִויל עֶפֶּעס פוּעֶלְ'ן אִין שְׁטוּבּ - דַארְף דָאס קוּמֶען מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, זֵייעֶר שְׁטַייטְלִיךְ, זֵייעֶר אֵיידְל וְכוּ' וְכוּ'.

מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען נָאכְדֶעם, מִיט שֵׁיינֶעם - פוּעֶלְ'ן בַּיי דִי וַוייבּ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם", וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם - "דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין", וֶוערְן זַיינֶע רֵייד אָנְגֶענוּמֶען.

דוּ זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּפְרַט צוּ דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נָאר שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. זַיי אִיר מְכַבֵּד, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין; אַזוֹי וֶועסְטוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", מַאן אוּן וַוייבּ וָואס לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם - רוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צְווִישְׁן זֵיי, אוּן אַז דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְט - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין; רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, אוּן גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא", דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיין? "גָּחִין", בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר, "וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", אוּן רֶעד צוּ אִיר; דָאס מֵיינְט, אַז דִי וַוייבּ אִיז בְּקַטְנוּת הַדַעַת - דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְבֵּייגְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶס, דוּ זָאלְסְט זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה אוּן בֶּעט פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין; מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, סַבְלָנוּת אוּן תְּפִילָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי דִיר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

דֶערְפוּן קֶען מֶען זֶען אִין דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ אִיד וָואס הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין מֵיידְל וָואס הָאט גֶעלִיטְן אוֹיף חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט וַויין פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַלֶעס וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט. אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן הָאט מֶען גֶעקֶענְט אַלֵיין זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי פִּילֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת וָואס אִיז גֶעלִיגְן אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן דִי טִיפֶע כַּוָונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט אַז דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט אוֹיף פְרַאנְקְרֵייךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן גֶעלְט, אוּן וָואס אִיז דֶער תִּיקּוּן אוֹיף הַאנְדְלֶען אִין מַשָּׂא וּמַתָּן, אוֹיךְ רֶעדְט דֶער רֶבִּי דָארְט פוּנֶעם תִּיקּוּן הַדִיבּוּר דוּרְכְ'ן רֶעדְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים אוּן פוּן וַוייסֶע בְּגָדִים. דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י', כ') "כֶּסֶ'ף נִבְחָ'ר לְשׁוֹ'ן צַדִּי'ק" דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז "פְרַנְק", עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַסַאךְ טִיפֶע סוֹדוֹת וָואס פְרַאנְקְרֵייךְ הָאט מִיט דִי תּוֹרָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַסַאךְ נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין מִינוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דוּרְךְ דֶעם רָשָׁע יַעֲקֹב פְרַנְק שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ נָאכְפָאלְגֶער פוּן דֶעם מָשִׁיחַ שֶׁקֶר שַׁבְּתַי צְבִי יִמַח שְׁמוֹ, אוּן עֶר הָאט לֵיידֶער אָנְגֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע חֻרְבָּנוֹת אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין דִי צַייטְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן זַיין טוּמְאָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי רֵייד פוּן זַיין טָמֵא'נֶעם מוֹיל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט גֶענְצְלִיךְ מַכְנִיעַ זַיין דִי טוּמְאָה, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַז אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן אִיז זַיין פֶּעסְטוּנְג גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן לֵיידֶער זֶענֶען פִילֶע מֶענְטְשְׁן פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין זַיין טוּמְאָה, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן שצ"ג). יֶעצְט הָאט דֶער רֶבִּי אָבֶּער גֶעוָואלְט אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן דֶעם "פְרַנְק", עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט אוּן מַאכְן יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁלִיחוּת, אָבֶּער דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין גְעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי צֶעשְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי אִיז אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריִקְייטְן אִין דֶעם זוּמֶער, וְוִי מִיר וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער זֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס לֵיידֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

דֶער שָׂטָן הָאט לֵיידֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן עֶר אַרְבֶּעט נָאךְ וַוייטֶער אוֹיף אַלֶע פְרָאנְטְן אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה. מִיר וַוארְטְן אוּן מִיר הָאפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין – מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן – צוּ זַיין זַיינֶע גוּטֶע אֱמֶת'עֶ שְׁלוּחִים, מִיר זָאלְן אַנְטְפְּלֶעקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פַאר גַאנְץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# צענדליגע טויזנטער גרייטן זיך צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה

בשעת די צענדליגע טויזנטער אידן גרייטן צו פארן צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה, קען דער ס"ם דאס נישט דורכלאזן אן דעם וואס ער זאל צושטעלן שטרויכלונגען אויף אלע זייטן. ער זעט אז די מלחמה אין אוקריינא האט פאריאר און אויך היי יאר נישט אפגעשראקן די צענדליגע טויזנטער אידן, אזוי אויך די אפשפארונג פון די לופטפעלדער און די לאנגע נסיעות וואס מען דארף נעמען האבן אויך נישט פארמיטן די אלע פון קומען, פרובירט ער כסדר אויף אלע אופנים, יעדעס יאר מיט אלע מיטלען און וועגן, סיי בכלליות, און סיי בפרטיות, צו אפשרעקן אז מען וועט נישט קענען פארן קיין אומאן.

יעצט האט ער זיך ווידער פארשטעלט אין א געוויסער אוקריינישער אמבאסאדאר, וואס האט געזאגט אז צוליב די מלחמה טראכט אוקריינא פון באגרעניצן די איינטריט פון אנשי שלומינו אין ארץ ישראל פון צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. אבער דער ס"ם וועט אונז בכלל נישט דערשרעקן דערפון, ווייל קודם כל ווייסן מיר די עצה פון תפלה, וואס פונקט ווי פאריאר און אלע אנדערע יארן זענען מיר איבערגעקומען אלע שטרויכלונגען דורך בעטן דעם אויבערשטן, וועלן מיר היי יאר אויך פועל'ן אומאן ראש השנה דורך תפלה. און צווייטנ'ס, די וואס האבן א גוטן זכרון וועלן זיכער געדענקען די סטעיטמענטס וואס דער זעלבער אוקריינישער אמבאסאדאר האט געזאגט פאריאר פאר ראש השנה, כאילו זיין רעגירונג איז זייער באזארגט צי מען קען אויפנעמען טוריסטן אין די מלחמה צושטאנד, און למעשה האט זיך דעמאלט ארויסגעשטעלט אז דער סטעיטמענט איז געווען לופטיג און ליידיג, ווייל נישט נאר וואס די אוקריינישע רעגירונג האט נישט געשטערט, נאר אדרבה, די פילע אפטיילונגען פון די ממשלה אין אוקריינא האבן זיך גאר שיין צוגעשטעלט מיט אלעם וואס נאר מעגליך צו העלפן די אלע וואס האבן זיך נישט געשראקן, און זענען געקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה קיין אומאן.

אזוי אויך וועט זיין היי יאר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, די אוקריינער רעגירונג וועט זיין נאך אסאך בעסער צוגעגרייט בעזרת השם יתברך, זיי גרייטן צו גענוג גרעניץ ווערקער און זיכערהייט סערוויסעס פאר די טעג ארום ראש השנה ווען אנשי שלומינו קומען צום הייליגן רבי'ן און פאלגן אויס זיין בקשה וואס ער האט זיך געבעטן ביי אונז אז 'קיינער טאר נישט פעלן', 'קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן'.

***

# זיצן אין ביהמ"ד היכל הקודש אין אומאן

**אין די יעצטיגע טעג הויבט מען שוין אן פארדינגען זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן. דער בית המדרש וועט אי"ה זיין אפן פאר יעדן איינעם, אפילו פאר ווער ס'האט נישט געדינגען א בעט אינעם בנין.**

**מאכט זיכער צו דינגען אייער זיץ ווי פריער, ווי לאנג עס איז דא אן אויסוואל פון גוטע זיצן, צו קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און התעוררות, אויסצופועל'ן א זיס לעכטיג יאר. מ'קען דינגען א זיץ דורכ'ן רופן 347-786-4760.**

**דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט איבער כסדר אז די איינציגסטע וועג ווי אזוי זוכה צו זיין אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה איז נאר דורך תפלה, מען בעט דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל אז מיר זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי ער האט געבעטן און פארלאנגט פון אונז, און מיט תפלה וועלן מיר זיכער פועל'ן צו פארן בשלום און צוריק קומען בשלום, און פועל'ן אלעס גוטס ברוחניות ובגשמיות.**


## נוסח ימים נוראים

**הערט די נוסח פון ימים נוראים הערליך אראפגעזינגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, גרייט אייך צו די הייליגע טעג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 6, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק משה רייך** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**